Jagiel


Radc… …ocn

№ 19 …ער יאָ-VI

Radom …ątek 17 Maja 1929

ראַדאָם פרייטאָג ז' אייר תרפ"ט.

פרייז 25 גראָשען.

Redakcja i Administracja

Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.


**אנאָנסען פרייז!**

איין מיליםעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 40 גר.

" " " " אין " 63 "

" " " " נאָכ'ן " 25 "

די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאַלטן 8 שפּאַלטן אין טעקסט 4 "

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

---

גליק און צופרידענהייט
אונזער ברודער פסח און שוועגערין בראָנקע
צו זייער חתונה.
שוועסטער און ברידערן
פרידמאַן.

Brońka Brykman Piotr Frydman

## Zaślubieni

w Maju 1929.

צו דער חתונה פון מיין ליבע טאָכטער
בראָניע בריקמאַן מיט ה' פסח פרידמאַן
ווינש איך זיי א הארציגען מזל-טוב
און א ערפאָלגרייכע צוקונפט.
דער פאָטער.

Z okazji zaślubin p. Bronki Brykman
s panem Piotrem Frydmanem
różowej przyszłości i wiecznego zadowolenia
życzy im
*Rachela Szermanówna.*

צו דער חתונה פון אונזער קאָלעגע
פ. פרידמאַן מיט פרל' בר. בריקמאַן
ווינשען מיר א גליקליך צוזאַמענלעבען.
דאָס פערסאָנאַל
פ'ן דער קאָאָפּ. האַנדוו.-באַנק
אין ראַדאָם.

דעם ה' פ. פרידמאַן
קאַסירער פון אונזער אינסטיטוציע צו זיין חתונה
מיט פרל' בריקמאַן ווינשען א הארציגען מז"ט.
ראַט און פערוואַלטונג
פון דער קאָאָפּעראַטיווער האַנדוו.-באַנק
אין ראַדאָם.






## Podziękowanie.

Panu Dr. J. Lewensohnowi za umiejętne i pełne poświęcenia usługi, oraz troskliwą opiekę okazaną przy porodach naszej synowej, i żonie Sali i córki naszej Inżynierowej Rozenfeld, składamy tą drogą szczere wyrazy podziękowania.

**Rodzina Ch. Sz. Lichtensztejn**
**a Lichtensztejn i Inż. Rozenfeld** Kielce.

## Podziękowanie.

Akuszerce pani S. Sokołowskiej za umiejętne i pełne poświęcenia usługi, oraz troskliwą opiekę okazaną, przy porodach naszej synowej i żonie Sali i córki Inżynierowej Rozenfeld, składamy tą drogą szczere wyrazy podziękowania i uznania.

**Rodzina Ch. Sz. Lichtensztejn**
**a Lichtensztejn i Inż. Rozenfeld** Kielce.

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס די פאַמיליע
פון אונזער בעסטען פריינד ה' בנימין האַכמאַן
צוליב'ן טויט פון זייער טאָכטער

## שרה'לע ז"ל.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

לייזער ראַקאָוש און פאַמיליע.


**GARBATKA** w willi p. **Sobienieckiego**
obok willi RÓŻ
otwiera 1 czerwca
L. ROZENBERGOWA **PENSJONAT**
**dla dzieci i młodzieży.**
Rutynowana freblanka. Kuchnia zdrowa i rytualna.

מיטגליעד, אז זיין לעבען ווערט לייכ-
טער און די ארבייט געהט אין איין
ריכטונג, וועלכע מען רופט ביי אונז
„יכלת עמד", דאס הייסט, אז דו
ברודער סוחר דארפסט דיר נאר שטעהן
רוהיג און האבען די מעגליכקייט גע-
מיטליך אין לאגיש דיין געשעפט
צו פיהרען, צו פערפאלקאמען עס,
האלטען קאפ ווי און ווי אזוי גוט
צו קויפען און נאך גינסטיגער צו פער-
קויפען, נישט צאפלען, נישט בויגען
זיך פאר א מעטאלען קנעפעל, נאר
שטארקען דיין בעהאוסטזיין און דיין
זעלבסטווירדע, אז די ביסט א נוצלי-
כער בירגער; אז די ביסט א רעדעלע
אין דעם גרויסען קאלאסאלען מעכא-
ניזם, וואס הייסט מלוכה - ארדנונג;
אז די העלפסט בויען די לאנדסווירט-
שאפט; אז די ביזט א מענש מיט א
א מענשליכע פיזיאנאמיע מיט מענשען
צוגלייך.

די אויסגערעכענטע ארבייט אלס
רעפארם פון דעם מחבר פון דעם אר-
טיקעל און זיין איניציאטיוו זעהט פאר
נאך איין זעהר וויכטיגע פראגע, אז א
סוחר דארף אויך נישט ארויסגעהן אויף
א לענגערע צייט פון געשעפט און
לויפען צו שכנים און קרובים, שאפען
זיך גמילת-חסדים פון קליינע צעהנד-
ליגער זלאטעס צו א וועקסעלע פאר 2
א זייגער, וועהרענד ער קען דאס געלד
אין איין האלבע שעה, אדער גאנצע
שעה אליין האבען. די פינאנץ-קאמיסיע
וועמענס אויפגאבע איז אייגענטליך זי
זאכען אין לעבען דורכצופיהרען
פיהרט שוין אונטערהאנדלונגען אין
די באנק-ספערען און גאנץ קירצליך
וועט ערשיינען א בעזונדערע מודעה,
אין וועלכער עס וועט אלעס גענוי
ארומגערעדט ווערען, ווי אונזער איני-
קאסענט, אדער אנגעשטעלטער קומט
נאך איין אויפטראג אין מיטגליעדס
געוועלב אין ברענגט איהם גאכהטר
צוריק אין געשעפט אריין די געצאהל-
טע וועקסלען, אדער עהנליכעס. אויף
דורכצופיהרען די אלע רעפארמען אין
לעבען בעט איך די יעניגע מיטגלידער,
וועלכע מיין איניציאטיוו עס אינטע-
רעסירט זיי, זאלען אונז צו העלפען מיט
ראט און טהאט. יעדער אויפטראג גע-
שריבען אין יודיש ארויפגעשיקט אין
סוחרים-פעראיין און אדרעסירט צו דער
פינאנץ-קאמיסיע יועט פון דער פינאנץ-
קאמיסיע גענוי בעטראכט ווערען אין
גענומען ווערען אין אכט.

מיין שטרעבונג, וועלכער איך דריק
אויס אין מיין דאזיגע „עקספאזע" איז אז
מזאל מיט נישט זעהבארע פעדים צוגע-
בונדען זיין צום פעראיין צום גינסטען
פון פעראיין און צום גינסטען פון יעדען
איינעם מיטגליד - סוחר, אדער זאגאר
נישט מיטגליעד סוחר, חייל מיר בע-
טראכטען פרינציפיעל יעדען איינעם
סוחר אלס א קינד פון אונזער גרוי-
סער ליעבער סוחרים משפחה.

**אברהם פינקעלשטיין**

ראדאם.

■■■■■

# גראנדיעזע לאנד=אויסשטעלונג אין פויזען.

## (פון 16 מאי ביז דעם 30 ווזשעסיען 1929)

בכדי חי געהעריג צו פעראייביגען
די 10-יעהריגע אונאפהענגיגקייט פון
פאטערלאנד האט דאס פוילישע פאלק
מיט בשותפות'דיגע כחות פון דער
גאנצער געזעלשאפט אויפגעבויט א ריע-
זען-ווערק, וואס הייסט די אלגעמיינע
לאנד-אויסשטעלונג אין פויזען. דעם
פראטעקטאראט איבער דער אויסשטע-
לונג האט איבערגענומען דער מלוכה-
פרעזידענט פון דער פוילישער רע-
פובליק, אין דער שפיץ פון געשאפע-
נעם עהרען-קאמיטעט האט זיך גע-
שטעלט דער מארשאל יוזעף פילסודסקי
אין לעבען איהם אלע מיניסטארען,
סיים און סענאט-מארשאלקעס און ביי-
דע פוילישע קארדינאלען.

בכדי אונטערצושטרייכען דעם אל-
געמיינעם פוילישען כאראקטער פון
דער אויסשטעלונג איז געשאפען געווא-
רען א גרויסער קאמיטעט. וואס בע-
שטעהט פון 400 פערזאהן, צווישען
וועלכע ס'געפונען זיך די אנגעזעהענס-
טע פערזענליכקייטען פון דער געזעל-
שאפט. די אויפזיכט'ס-מאכט איבער
דער אויסשטעלונג איז אנגעטרויט גע-
ווארען 40 פערזאהן אונטער דער אנ-
פיהרונג פון פרעזעס פון פויזנער
שטאדט-ראט ה' צורי.

דער בודזשעט, אין וועלכען ס'געהען
אריין די הוצאות און הכנסות פון דער
אויסשטעלונג, דערגרייכט צו א סומע
פון 15 מיליאן זלאטעס. די גאנצקייט
פון דער אויסשטעלונג ווערט געטיילט
דעם פון פיער טיילען: 1) קולטור און
קונסט 2) נאציאנאלע ווירטשאפט 3)
פיזישע ערציהונג און ספארטען 4)
עמיגראציע.

דער שטח באדען פון דער אויס-
שטעלונג פערנעמט 600 טויזענד מעטר
אויף וועלכען ס'זענען אויפגעשטעלט
76 שטענדיגע געביידעס און עטליכע
צעהנדליג סעזאהן-פאוויליאנען. 5 קאמ-
פלעקסען, וואס ענטהאלטען איין אויס-
שטעלונגס-גאנצקייט זענען די אויס-
שטעלונגס-אביעקטען זייערע געטיילט
אין 32 גרופען, וואס צעפאלען זיך
אויף 200 קלאסען. די גרופען זענען
פאלגענדע:

1) לאנד, בעפעלקערונג, אדמיניס-
טראציע. 2) בילדונג, ערציהונג, 3)
קונסט, 4) פעלד-פראדוקציע, 5) פיה-
צוכט, 6) וואלד-עקספלואטאציע, 7) אגרי-
קולטור, 9) נאפט-אינדוסטריע, 10) מי-
נעראל אינדוסטריע, 11) גלאז אינדוס-
טריע, 12) היטעס, 13) מעטאל-אינדוס-
טריע, 14) מאשינען, אפאראטען און
כל-ערליי טעכנישע מכשירים, 15) אינ-
דוסטריע פון איבערפיהר-מיטלען, 16)
בוישאפט, 17) אינדוסטריע פון עלעק-
טריע-טעכניק, 18) ערנאהרונג'ס-פרא-
דוקציע, 19) כעמישע אויסארבייטונג,
20) פראדוקטען-אויסארבייטונג פון חיות
21) פאליגראפישע אינדוסטריע, 22)
אלץ-אינדוסטריע, 23) טעקסטיל-אינ-
דוסטריע, 24) קאנפעקציע-אינדוסטריע,
25) פאפיר-אינדוסטריע, 26) גאלאנטער-
יע אינדוסטריע און שפיל-צייג, 27) האנ-
דעל, פינאנסען און פערזיכערונגען, 28)
האנדווערקעריי, מלאכה, 29) אנשטאל-
טען פאר עפענטליכען נוץ 30) היגיע-
נע און געזעלשאפטליכע אויפזיכט. 31)
פיזישע ערציהונג, טוריסטיק און ספארט
32) עמיגראציע.

חוץ דעם נעמט די אויסשטעלונג ס-
בעדען ארום א פערוויילונגס פארק מיט
א ספארט-ארענע און פערמאכטע טרי-
בונע פאר 4000 צושויער.

אין דער צייט פון דער אויסשטע-
לונג קומען פאר אין פויזען בערך 150
צוזאמענפאהרען און קאנגרעסען, א טייל
פון די אלגעמיין-סלאווישע, ווי אויך
טייל אינטערנאציאנאלע און לאנד'ס
ספארט מעטשען.

ס איז בעזונדערס וויכטיג צו בעמערק-
נען דעם גרויסען אנטייל אין דער
פויזנער אויסשטעלונג מצד דער פויל-
ישער עמיגראציע אין אויסלאנד. וואס
וועט האבען בעזונדער געלופטיוט אין
א פאוויליאן א. נ. „פוילען און אויס-
לאנד".

ביי דער אקטיווער מיטארבייט פון
די פוילישע דיפלאמאטישע און קאנ-
סולארע פארשטעהער זענען ענטשטא-
נען אויסשטעלונג'ס קאמיטעטען אומע-



⊙ פאלאץ ⊙
פון דער קונסט · אויסשטעלונג
אויף דער פויזנער אויסשטעלונג

שום וואו ס'געפינען זיך גרעסערע גרו-פירונגען פון פאליאקען. אזוי אין די פאראייניגטע שטאטען, טשילי, ארגענ-טינא, בראזיליען, קאנאדע, כינא, טערקיי, עסטרייך, בעלגיען, טשעכאסלאוואקיי, דאניע, פראנקרייך, דייטשלאנד, רומעניען, אונגארען און לאטוויע.

די אויבענדערמאנטע קאמיטעטען האבען מיט זייער ארגאניזירונג בעוויזען א שטארק אימפולסיווו לעבען פון דער פוילישער עמיגראציע און אויך זייער שטארקער אנטייל אין דער פויזנער אויסשטעלונג.

דער פאוויליאן „פוילען-אויסלאנד" ווערט נאכן פערענדיגען די אויסשטעלונג פערוואנדעלט ווערען אויף א שטענדיגען מוזעאום פאר דער פוילישער עמיגראציע.

די ווירטשאפטליכע בעדייטונג פון דער אויסשטעלונג איז די, וואס פון איין זייט בעקענט זי דעם פוילישען קאנסומענט מיט דער פוילישער אויס-ארבייטונג און איז אזוי נאך אנ'אויס-געצייכענטע פראפאגאנדע-מיטעל פון ווירטשאפטליכען זעלבסט-אויסקום. פון דער צווייטער זייט ווירקט דאס אויפ'ן וואוקס פון פוילישען עקספארט, וועלכער ווייזט דעם אויסלענדישען אונטער-נעהמער מעגליכקייטען אין דעם היני-זיכט.

דאס צוזאמענקנופען די עמיגראציע מיט'ן פאטערלאנד, דאס בעקענען די יוגענד מיט'ן פוילישען שאפונג, פער-בעסערונג מיט אונזער האנדעלס-בי-לאנס. דאס אלץ איז נאר עטליכע פון די אזוי פיעל פערטפעקטיווען און פאראויסזעהונגען וואס זענען פערבונ-דען מיט דער לאנד-אויסשטעלונג.

אויפ'ן שיידע-וועג פון צוויי צעהנ-ליג יאהרען פון פוילישען מלוכה-לע-בען שטעהט די אלגעמיינע לאנד-אויסשטעלונג אלס א עהרליכער חשבון פון געוויסען פון דער פערגאנגענהייט און אין גלייכצייטיג א דייטליכער וועג-ווייזער אויף דער צוקונפט. אזוי ווי די פוילישע אויסשטעלונגען אין דער צייט פון קנעכטשאפט האבען גע-שטארקט דעם נאציאנאלען גייסט פון פוילישען פאלק און איז געוועז א צייגניש פון לעבענס-קראפט און ענערגיע פון פוילענס קינדער, וואס זענען געווען ענטרעכטעטע פון פאליטישע פרייהייט — אזוי היינט ווערט די אויס-שטעלונג זיין א בולט'ער בעווייז פאר דער גאנצער וועלט, אז נישט קוקענ-דיג, אויף די פיינדליכע שטימונגען. קאן און ווייסט דאס פוילישע פאלק צו געניסען פון דער אונאבהענגיגקייט, וועלכע איז אויסגעקעמפט געווארען מיט בלוט און קרבנות פון דורות.

**מ. ה — ז.**



פאוויליאן

פון די

אינטער-

נאציאנאלע

יארידים

אויף דער

פויזנער

אויסשטע-

לונג.

## אונטער'ן פאהן.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם ארטי-קעל פון ה' קאסאי וועגען שאפען א פעראייניגונגס-פאהן פון אלע אידישע האנדווערקער אין ראדאם האט די אר-גאניזיר-קאמיסיע ביים האנדווערקער-קלוב אויף א ספעציעלען זיצונג די פראגע בעהאנדעלט און איינשטימיג אנערקענט די נויטהענדיגקייט און די וויכטיגקייט פון דער זאך. עס איז בע-שלאסען געווארען די קאמיסיע זאל די אקציע נעמען אונטערן אייגענעם פראט-טעקטאראט און מיטהעלפען צו דער-גרייכען דעם געוואונשענעם ערפאלג. עס איז בלתי שום ספק, דאס דער אויפרוף פון ה' קאסאי וועט געפונען דעם געהעריגען אבקלאנג ביי אלע האנדווערקער אין ראדאם, וועלכע וועלען מיט גרויס פעראינטערעסירונג מיט-העלפען און זיך בעטייליגען אין שאפען דעם פאנד צו וואס עס רופט זיי די ארגאניזיר-קאמיסיע ביים האנדווערקער-קלוב אין ראדאם.

### ה' שמואל איידעלבוים

ענטפערט דעם ה' קאכאי מיט 10 זל.

און רופט ארויס די חברים:

ח. קארמאן, מ. ראזענבוים, יש. פעלדמאן, ש. גוטמאן, ש. פישמאן, איגוש. לעדי, ש. ראזענבערג, ש. בערקאוויטש, י. מאגנישעווסקי, ב. האכמאן.

### ה' קאטליאר

ענטפערט דעם א' קאסאי מיט 10 זל.

און רופט ארויס די ה"ה:

ג. לעווין, לאזניק ראטענבערג, ש. גאלד-פארב, י. העלצמאן, מ. פעלדמאן.

### ה' משה רובינשטיין

ענטפערט דעם ה' קאסאי מיט 15 זל.

און רופט ארויס די ה"ה:

מ. פישמאן, ש. בלאס. מ. שולדמאן, צ. בוימאן, בעכאנאווסקי. ג. בליכער. די ברידער אייכענבוים, א. פוקס.

# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## וויכטיגע רעארגאניזאציע-פלענער

### אין ראדאמער יודישען סוחרים-פעראיין.

די לעצטע וואכען הערט מצד דער אנגעהערונג פון ראדאמער סוחרים-פער-איין פיל געפלאנט וועגען רעארגאני-זירען די סוחרישע ארגאניזאציע. צו דעם צוועק איז אנגאזשירט געווארען אין דער פערוואלטונג דער בעקאנטער ראדאמער סוחר ה' אברהם פינקעל-שטיין, וועלכער האט אויסגעארבייט א אויספיהרליכען מעמאריאל מיט גענויע פלענער אויפקוויקעלען די סוחרישע אינסטיטוציע אויף איהר געהעריגער היוך.

די טעג איז אין סוחרים-פעראיין פארגעקומען א גרויסע פערזאמלונג פון דער פערוואלטונג, ראט און פי-נאנץ-קאמיסיע, וועלכע האבען בשותפות זיך בעראטען וועגען די שריט, וואס זאלען אויפלעבען דעם פעראיין און בעדאפען א מעהר אינטענסיווער טהע-טיגקייט.

אויף דער בעראטונג איז פערבעטען געווארען דער בעקאנטער סוחרישער טוהוער ה' יאקוב אדלער, וועלכער איז פון אלע פערזאמעלטע ווארים בעגריסט געווארען פאר זיינע ערפאלגרייכע איני-טערווענצען ביי דער מאכט לטובת געדרוקטע און געפאלענע סוחרים.

#### דעלעגאציע פון סוחרים-פעראיין אין באנק פאלסקי וועגען קרעדיט פאר יודישע סוחרים

צום דירעקטאר פון דער היגער באנק פאלסקי, זאקשעווסקי, האט זיך געווענדעט א דעלעגאציע פון סוחרים-פעראיין אין די פערזאנען פון די ה"ה פרעזעס ה' נתן זיגמאן און וו. פרעזעס ה' יאקוב אדלער.

דער צוועק פון דער דעלעגאציע איז געווען, אז די באנק פאלסקי זאל ער-טיילען קרעדיט די ראדאמער יודישע סוחרים. דער דירעקטאר האט מסכים געווען נאר מיט דעם בעדינג, אז יע-דער פעטענט זאל פעסטשטעלען זיין פערמעגענס-צושטאנד, וועלכע זאל אבער פריהער בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן סוחרים פעראיין. דער דירעקטאר האט גלייכצייטיג אויפמערקזאם געמאכט, אז די אנטווארט-אינפארמאציעס אויף די אנפראגעס פון באנק פאלסקי פון די בעטרעפענדע פערזאנען זאלען געגעבען ווערען פערזענליך, אדער שריפטליך אין דער געהעריגער אנגעוויזענער צייט.

וועגען גענויע פרטים קאן מען זיך ווענדען אין סוחרים-פעראיין.

## א ראדאמער פער'משפט'ער יוד ארייַנגעלאפען

### איז א בית-מדרש — און איז נעלם געווארען.

צו די דורכגעהער אויף פילסודסקי גאס אין שעדלעץ האט זיך דערטרא-גען א יאמערליך געשריי פון שוהל-הויף אויף פויליש: „אלא באגא, אלא באגא". באלד האט זיך ארויסגעוויזען אז דאס האט געליארעמט א פאליציאנט פון קאברין, וועמען ס'איז נעלם געווא-רען א יודישער ארעסטאנט, וועלכען ער האט געפיהרט אין דער שעדלעצער

## די פאמיליע בעקערמאן איבערגעגעבן אין רעות פון גמינע די הערליכע געביידע פון „בית-יתומים"

היינטיגען מיטוואך איז ענדגילטיג נאך לענגערע אונטערהאנדלונגען פארמעל אונטערגעשריבען געווארען ביים רעיענט דער געשאנק אקט פון הערליכען בנין „בית יתומים" אויפ'ן נאמען פון דער יודישער גמינע.

די גמינע האט זיך דורך לאנג וועגען דעם בעמיהט און ענדליך, א דאנק די ווארימע בעציהונג פאר דער זאך מצד דעם ריכטער ה' יוזעף בעקערמאן איז די מתנה פולשטענדיג רעאליזירט געווארען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז אונזער רעדאקציע איינגעלאדען געווארען פון דער פרעזעסין פרוי ד"ר מולער צו מאכען א בעזוך אין בית-יתומים, כדי צו בעקענען זיך מיט דער אלוויטיגער איינריכטונג און מצב פון דער דאזיגער וויכטיגער אינסטיטוציע.

צוזאמען מיט די רעדאקציע-מיטארבייטער איז אויך איינגעלאדען געווארען דער בעקאנטער פראפעסאר און פידעל-ווירטואז ה' אלעקסאנדער קאנטאראוויטש, וועלכער פון גרויס סימפאטיע פאר דער אינסטיטוציע האט פערשפראכען דער פרעזעסין צו געבען אומזיסט א קאנצערט לטובת דעם בית-יתומים. דער קאנצערט וועט די נעכסטע טעג פעראנשטאלטעט ווערען אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי".

אויספיהרליך וועגען בעזוך און קאנצערט—אין די קומענדיגע נומערן.


### פאהר-רעכט

העפסט פאשנעלסטען בעקומען

na kursach Samochodowych

**PRYLIŃSKIEGO**

וואו מ'וועט דיר געבען שוך און א וואהנונג.

**Warszawa Al. Jerozolimskie 27**


### צירק אין ראדאם

פון היינטיגע וואך אן גאסטראלירט אין ראדאם דער בעקאנטער באראנסקי'ס צירק. אין פראגראם איז פארגעזעהן א גאנצע רייהע נייע אטראקציעס און א גאנצע סעריע אינטערעסאנטע נומערן.

### לייכטזיניגקייט.

איז אין ווירטשאפטליכע ענינים שעדליך סיי אין פראפעסיאנעלען און סיי אין פריוואטען לעבען. ערנסטע און פארזיכטיגע מענשען פאסען צו זייערע געברויכען צו די איינקונפטען און פאר אלעם מיידען זיי אויס אוננויטיגע אויסגאבען. דאס זעלבע פעררריכטען די שיך, בעזונדערס די אבצאסען; קאן מען אויסמידען דורך בערסאנ'ס גומענע אבצאסען. די בערסאנס זענען ביליגער פון לעדער, טראגען זיך 2 מאל אזוי לאנג און צוליב זייער הויכע עלאסטישקייט שיצען זיי די שיך דארט, וואו זיי נוצען זיך צו מעהרסטען אב. יעדער פראקטישער און שפארזאמער מענש דארף טראגען בערסאנ'ס גומענע אבצאסען. דאס טראגען בערסאנס איז אנ'אמת'ער געניוס!


# CYRK BARAŃSKI — w — RADOMIU.

**CYRK** znanych sportsmenów **BARAŃSKICH**

פון דאנערשטאג אז דעם 16 מאי 1929

*Dziś i codziennie gościnne występy*

# צירק

בעקאנטע ספארטסמענער פון **באראנסקי**

אין פראגראם: רייכע אטראקציעס פון וועלט - רוהם.

אין ראדאם, מאניושקי 1 (רוג לובלינער)

שבת און זונטאג **2 פארשטעלונגען**

אנהויב פון די פארשטעלונגען: 4 נ. מ. און 8.30 אוו.



**Na okres wiosenny.**

**SKŁAD APTECZNY**

# F. Łagodzińskiego

**w RADOMIU, Pl. 3-go Maja Nr. 1.**

*POLECA:*

Płyny do barwienia i odnawiania obuwia w 50-ciu kolorach

Karbolineum

Naftalina

Terpetyna

Zioła przeciw molom

Nasiona kwiatowe.




## יודיש טעאטער
### (במקום רעצענזיע)

דאס ווילנער אנסאמבל, וואס האט ביי אונז די טעג גאסטראלירט האט די יודישע טעאטער-בעזוכער נישט ענטוישט. פערקעהרט, יעדער איינער, וואס איז געקומען אויף די עטליכע נעצעהלטע פארשטעלונגען איז נתפעל געווארען און געהאט א אמת'ען נחת-רוח, זיצענדיג די פאר שעה אין טעאטער.

דאס ווילנער אנסאמבל האט אין טעאטראליש-קינסטלערישען זין פיעל מעהר געגעבען, וויפיעל מ'האט פון זיי ערווארט. פאר יעדען איז געווען א גרויס וואונדער דער איבערגאנג פון דער טרויער פון דער דראמע צו דער אפערעטע. אט מיט א נאכט פריהער האבען די ווילנער געשפילט לייוויק'ס גולם, וואו זיי האבען אריינגעלעגט כח און מוח און שוין היינט האט מען זיי געזעהן לעבעדיגע טאנצענדיגע אין דער איירָאפעאישער אפערעטע „באיאדערא", אדער „די רויז פון סטאמבול". אין ביידע פאלען, אזוי אין דער דראמע, ווי אויך אין אפערעטע זענען די ווילנער ארויס אמת'ע זיעגער. דער „גולם" איז געשפילט געווארען מייסטערהאפט מיט פיל פערשטענדניש, פיינגעפיהל און מיט דער גרעסטער מאס ווערענטווארטליכקייט. אלץ האט געקלאפט און יעדער ראל איז געווען איינשטודירט און איינגעלערנט בעיון גדול. יעדער איינער פון אונזערע ליבע און געשעצטע ווילנער האט מיט זיין טיפ-שטעלען, כאראקטעריזאציע, שפיעל בעוויזען, אז ער האט געלערנט לייוויק'ן אין מקור אין אריגינאל, און תופש-געווען דיינ מיט געפיהל און נשמה, וואס דער'ט שמעהט געשריבען, אין יעדער בכח געווען גרויסצוברענגען פון זיך דאס שענסטע און דאס בעסטע. יעדער איינער ראליסט פערדינט א בעזונדערע אבהאנדלונג. מיר אבער וועלען דאס מאהל מאכען אנ'אויסנאהם (צוליב דוחק פון ארט) די ראל פון ר' תנחום (חאש) וועלכע פערדינט די גרעסטע לויב. דער דאזיגער ווילנער יונגערמאן חאש איז א גרויסער טאלאנט. ער איז א פלאקער פייער, פיל מיט טעמפעראמענט, התלהבות און נשמה-עקסטאז. זיין ראל אין ר' תנחום האט געהאלטען דעם עולם אין דער גרעסטער שפאנונג. מיט'ן ראזיגען יונגערמאן איז ממש א רעטעניש און ס'איז באמת נישט צו פערשטעהן, ווי אזוי ער מאכט פון זיך וואס ער וויל און איז בכח אויך אין דער אפערעטע און דוקא אין די מאדערנסטע איירָאפעאישע צו געבען אזעלכע וואונדערבארע קרעאציעס, מיט וועלכע ער וואלט געקאנט בלי ספק אויסהאקען אלס שלאגער און אלס גרויסער קינסטלער אויף דער איירָאפעאישער אפערעטען-ביהנע. חאש איז א אוניווערסאלע קראפט און מ'קאן פון איהם פיל ערווארטען.

דער איבערגאנג פון מיסטיק, קבלה, לעגענדע און יודישע פאלקסטימליכקייט צו איירָאפעאישע טעאטער-שטיק, איז געוויס א גוטע ערשיינונג. און אפשר טאקע מיט'ן כח פון קבלה און פאנטאזיע-פליה האט חאש אזא קפיצת הדרך צו איירָאפא.

אויך די ארטיסטען: קדיש, גראדנער, שריפטזעצער, נהמה, ראפעל, שאדאווסקי, ליטווינא, אידינא, אסטראוויאנסקא, ארליוק, זאק, פראנק זענען געווען אויסגעצייכענט גוט און זייערע ראלען, אין וועלכע זיי האבען זיך פערקערפערט, איבערגעלעבט און דורכגעפיהלט.

די וואס זענען נישט געקומען בעזוכען די ווילנער ליבלינגען, ברויכען באמת בעדוירען.

מ. ה—ז.

# ארבייט'ס-פערמיטלונג

**נויטיג מיידלעך**
וואס קענען ארבייטען
ביי פאפירענע בייטלען
אדרעס: ש. זיידענבערג
ראדאם, וואהל 7.

**ס'ווערט געזוכט**
**א מיידעל**
אין געשעפט אריין באלד געצאלט
ז.ינפארמירען אין געוועלב
קאפערוואס. רווינסקי 12

תנני מברך את תלמידי וידידי ה' חיים יהודה בלאטמאן
ליום בואו בברית הנשואין עם בחירתו מרת פריבה וויור מוורשה
בברכת מז"ט ובנין ביתם בארצנו.

פלטי מושקטבליטה

# Agenci solidni
**poszukiwani**

Zgłoszenia
T-wo Ubezpieczeń Orzeł
Repr. w Kielcach
skrz. poczt. 151.

אונזער קוזין שלום שטערנזיס
צו זיין פערלאבונג מיט אונזער קוזינע
איידעל וויסבראט
אויס קעלץ
ווינשען גליק און צופרידענהייט.

קיעלץ. ישראל קיפערבערג
חנה בערלינסקי

Niniejszym poczuwamy się do obowiązku złożyć serdeczne podziękowanie
*Towarzystwo Ubiezbieczeń „ORZEŁ“*
**S. A. w Warszawie,**
oraz Reprez. kieleckiej tegoż T-wa (ul. Kościuszki 10) za sumienne zlikwidowanie oraz szybkie wpłacenie nam odszkodowania tytułem straty ogniowej, jaką ponieśliśmy w naszej garbarni w Kielcach, przy ul. Chęcińskiej 36.—

(—) **Jankiel Tenenbaum,** (—) **Dawid Knobel.**

# Teatr „Rozmaitości” w Radomiu.

נאר 1 גאסטראלו ---------- נאר 1 גאסטראל!
**שבת דעם 18 ה. ח. 8,30 אווענד**
**Antoni Kaczorowski** בעריכטער קאמיקער
אין נייעם רעפערטואר א. נ.

# 1000 Pięknych Dziewcząt

סענסאציע-רעווי אין 2 אקטען
17 בילדער.
הערליכער באלעט און פערשידענע טענץ.
מיט'ן אנטייל פון בעריהמטע װארשאווער ארטיסטין
און ארטיסטינס.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל
דער פאמיליע **אורבייטעל**
צוליב'ן טויט פון זייער זוהן
און אונזער חבר

# אלי' נ"ע

דריקען אויס
**משה גרינשפאן**
**יואל וולאדאווער** קעלץ.

משתתפים אנו בצערו של שו"ב
הגביר הנכבד
**ר' יוסף אורבייטעל**
על האבידה הגדולה שקרה אותו
כמות בנו הבחור המשכיל

# אלי' נ"ע

שמו הטוב יהי' תמיד בזכרוננו
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי
ציון וירושלים.

**אברהם לאזאווסקי ובנו**
קיעלצי.

טיעף מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
אונזער מתפלל ה' **שמואל לייכטער**
צוליב'ן טויט פון זיין זוהן

# פרץ נ"ע

אין זיין געזעלשאפטליכע ארבייט
זאל ער א טרייסט געפונען.

אין נאמען פון די מתפללים
פון בית-המדרש „שערי-ציון“
גבאי **נחמי' אסטראוויטש**
קעלץ.

אונזער פריינד
**יוסף אורבייטעל**
צום טויט פון זיין זוהן

# אלי' נ"ע

דריקען מיר אויס פיעל מיטגעפיהל.

**יואל קליימאן**
און פאמיליע קעלץ.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דער פאמיליע **ראזענבערג**
צוליב'ן טוידט פון זייער מאן און פאטער

# משה נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**יוסף בירענבוים עט פרוי**

מיין טיפסטן מיטגעפיל דריק איך אויס די פרוי **דבורה מילשטיין**
מיט די קינדערלעך פון טוכעדניאיז, צוליבן טויט פון מיין הארציקן קוזין

# אשר מילשטיין נ"ע

וועלכער איז טראגיש אומגעקומען דעם 14 מאי ד. י. אין די בליענסטע יארן. זאל אייך דער הייליקער אנדענקען געבען געזונט און מוט צו ערציען די קינדער.

ראדאם **יחיאל ראזענצווייג עט פאמיליע**

# KINO - TEATR „NOWE CZARY” w RADOMIU.

*Od wtorku 21 Maja 1929 r.* 2 שיינע בילדער:

1) הערליכער דראמעט
א. נ.

# SYMFONJA PATETYCZNA

2) פרעהליכע קאמעדיע
א. נ.

# SPORTOWIEC z MIŁOŚCI

דער זאהל איז גוט ווענטאלירט און קיהל.

## OGŁOSZENIE.

Podajemy do wiadomości pp. Odbiorców prądu elektrycznego, że poczynając od dnia 12 b. m., wskutek dorocznego remontu sieci elektrycznej w ciągu miesięcy maja, czerwca, lipca i sierpnia w niedziele i dni świąteczne, dostawa prądu stałego będzie przerywana o godzinie 4 do 16.

**Radomskie Towarzystwo Elektryczne** Sp. Akc.

## OBWIESZCZENIE.

Podajemy do wiadomości P. P. Właścicielom realności, że dotychczas żaden z instalatorów wodoc. kanal. w Radomiu nie posiada koncesji na wykonywanie powyższych robót; może jedynie wykonywać roboty instalacyjne za każdorazowem zezwoleniem Wydziału Wodociągów i kanalizacji m. Radomia.

W interesie własnym P. P. Właścicieli realności leży, by—przed oddaniem robót prywatnemu instalatorowi—udawali się, celem zasięgnięcia szczegółowych informacyj, do naszego Biura (ul. Basenowa Nr. 16, róg Spacerowej).

Radom, dnia 18/IV 1922 r.

**Wydział Wodociągów Miejskich**



# VIM




## קיך-געשיר,

בלעכלײַ טעפּ, פּאַנען, קעסלען, א. ד. ג. דאָס אַלץ איז נור דאַן אידעאַל-רײַן און גלאַנציג, אויב מ'בענוצט VIM. מ'דאַרף אָנשיטען אויף אַ פײַכטע שמאַטקעלע אַ ביסעלע VIM, און נאָך אַ לײַכטען פּוצען די כלים וועלען פערשווינדען די פלעקען און פערשמוצונג.

V.P.16—1

# לערן-יונגלער איז נויטיג

אין דער דרוקערײַ פון „ראדאמער-קעלצער לעבען" באַלד געצאָהלט.

*Od wielu lat już istniejące*

# Biuro Próśb

TŁOMACZEŃ — PRZEPISYWAŃ

p. f. **„PROLITEX"**

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.

## USKUTECZNIA

**Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych,** wojskowych i paszportowych oraz **rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych**

**KORESPONDENCJA HANDLOWA**

umowy i punkt. przedrejentalne

## דאנקזאגונג.

איך דריק דערמיט אויס מײַן טיפסטען דאַנק דעם ג׳ ד״ר וו. צונג אויס ראדאָם פאר זײַן געטרײַע און איבערגעגעבענע רעטונג אין דער צײַט פון דער געפערליכער קראַנקהייט פון מײַן ג׳ טאָכטער, א דאַנק וועלכען מײַן געטרײַע טאָכטער איז צוריקגעקומען צו איהר פּאָלקאָמען געזונד-שטאַנד.

מיט כבוד

**אהרן וואָלף קורץ**

ראדאָם, רווינסקאַ 16.

KOMISOWĄ FABRYCZNĄ

**Sprzedaż wyrobów pończoszniczych**

Na RADOM

powierzymy poważnej firmie, posiadającej sklep galanteryjny, bławatny, lub obuwiem w dobrym punkcie

Wymagalna kaucja do 10.000 złot. może być wekslami.

Oferty sub.: „A.Z.Z." do Biura ogłoszeń **S. Fuchs, Łódź** Piotrkowska 50